University of Chicago Interlibrary Loan
OCLC: CGU / DOCLINE: ILUJCL

ILLiad TN: 3041166

**Borrower:** HUL

**Date: 2026/06/12**

**Patron:**
**Reference #:** 804178

**Call #:** DS101.G595 c.1 no.28-29

**Location:** Regenstein / Closed Stack

**Barcode:** 117667204

**Journal Title:** Di Goldene Keyt.

**Volume:** 29
**Issue:**
**Month/Year:** 1957
**Pages:** 178-185

**Article Author:** A. Mukdoni

**Article Title:** A. Lutski E"H

**Imprint:** 880-02 Tel-Aviv : ha-Histadrut ha-kelalit shel ha-ʻovdim be-Erets-Yisrael (General Federation of Jewish Labour in Israel)

**Notes:** Borrowing Notes: vol 29. If you are unable to fill an article/copy request due to a citation issue (including when the request exceeds copyright), please do NOT send us a physical book or Conditionalize for citation; please simply say no to the request.

**ODYSSEY REQUEST**

☐ **SCAN for PLATES** (Pattern 2)

**ILL Number:** 236678092

**SENT**

Please report all transmission problems within 48 hours of receipt

**Call Number:** 6/12/2026 2:42:02 PM
**Need By:**
**Not Wanted After:** 07/11/2026
**Received Via:**

Notice: This material may be protected by copyright law (Title 17 US Code)

# די גאָלדענע קייט

פערטליאָר־שריפט פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען

רעדאַקטאָר: א. סוצקעווער

מיטרעדאַקטאָר: אליעזר פּינעס    רעדאַקציע־סעקרעטאַר: מענדל מאַן

29

אַרויסגעגעבן פון ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ־ישראל

תל־אביב    1957

„די גאָלדענע קייט" (שלשלת הזהב), רבעון לספרות ולבעיות חברתיות
בהוצאת ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ־ישראל
העורך: א. סוצקבר
עורך משנה: אליעזר פינס   מזכיר המערכת: מנדל מאַן

ערשטער מיטרעדאַקטאָר פון זשורנאַל
אברהם לעווינסאָן

# „DI GOLDENE KEYT"

Three-Monthly Periodical for Literature and Social Problems
Published by the General Federation of Jewish Labour in Israel
Tel-Aviv, P.O.B. 303

PRINTED IN ISRAEL

אַדרעס פון דער רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: הוצאת „די גאָלדענע קייט"
תל־אביב, רחוב ארלוזורוב 93, תיבת דואר 303, טל. 21211

דפוס קואופרטיבי „אחדות" בע"מ, תל־אביב, ת. ד. 159

## אינהאַלט

משה שרת / דאָס יידישע פאָלק צווישן מיזרח און מערב 5
זלמן שניאור / אַ מענטש פון יענער זייט פאַרקאַן (דערציילונג) 19
איציק מאַנגער / צוויי סאָנעטן 31
ח. ווירשובסקי / אפיקורסות וואָס קומט פון גלויבן 32
שלמה ביקל / נאַציאָנאַלע מאָמענטן אין דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור 46
מאיר זימל טקאַטש / צוויי לידער 60
משה גורין / פיר לידער 61
אברהם מאָרעווסקי / אַ פאַרשוויגענע דאַטע 63
מענדל מאַן / אויף די וועגן פון פוילן (דערציילונג) 76
ניסן ברוסילאָוו / הא לחמא עניא (דערציילונג) 82
לייזער אייכענראַנד / דריי לידער 114
יצחק ליכטענשטיין / באַגעגענישן מיט שלום אַש 116
יחיאל האָפער / אין ווייסער פאַרפאַלנקייט (דערציילונג) 137
מרדכי יפה / דער גאַנג פון א. לעיעלעס אין דער יידישער פאָעזיע 154
שלמה שנהוד / לידער פון חלום און וואָר 164
ל. לענעמאַן / אייניקע שעה מיטן „עדות פון אונדזער תקופה" (שמועסן מיט מאַנעס שפערבער) 168
א. מוקדוני / א. לוצקי ע"ה 178
א. לוצקי / מדינת ישראל 186
י. י. טרונק / יהואש 188
יצחק פאָלישוק / מאַרטין בובער 193
אריה שמרי / לידער 209
א. גאָלאָמב / רבן שמעון ראַבידאָוויטש 214
מ. וואַלדמאַן / ליד פון „זשידעק" צו יוליאַן טווים 223

א. מוקדוני / מיאַמי־ביטש

# א. לוצקי ע״ה

## דיכטער און אַקטיאָר

א. לוצקי, דער דאָ ניט לאַנג פאַרשטאָרבענער, איז געווען ממש אַ יחיד במינו — און דעריבער אַ ניט־פאַרשטאַנענער ביים לעבן און ניט קיין אָפּגעשאַצטער ווי געהעריק נאָך זיין טויט.

דאָס איז דער גורל פון יעדן יחיד במינו אין יעדער צווייג פון קונסט.

יעדער דור פון דיכטער האָט אַ קלאָרע און בולטע ענלעכקייט.

עס איז דער דור, עס איז די צייט, וואָס מאַכן זיי ענלעך.

דערקענט איר אַ דיכטער לויט זיין דור און צייט —

ער ווערט אָפּגעשאַצט ווי אַ דיכטער פון זיין דור און פון זיין צייט.

אָבער עס פּאַסירט אַמאָל, אמת ביז גאָר זעלטן, און עס באַווייזט זיך אין אַ דור און אין אַ צייט אַ דיכטער אַ יוצא־דופן.

עפּעס אַן אונטערגעוואָרפן קינד, וואָס קיינער ווייס ניט ווער זיין טאַטע־מאַמע זענען. און אַ יוצא־דופן אין אונדזער הייינטצייטיקער פּאָעזיע איז געווען א. לוצקי.

ער איז געווען ביזאַר, טשיקאַווע און עפּעס אין גאַנצן אַנדערש פון די דיכטער פון זיין דור.

האָט די יידישע קריטיק ניט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט אים.

ש. ניגער ע״ה האָט אָפן דערקלערט:

איך ווייס ניט צי דאָס וואָס א. לוצקי שרייבט איז פּראָזע, צי פּאָעזיע.

ש. ניגער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט עס אָפן דערקלערט, און מיט דעם האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווי אַ קריטיקער פון זיין דור.

ער האָט דערקלערט:

— איך ווייס ניט — און ער האָט ניט געשריבן וועגן לוצקיס גאַנץ אָפּט הערשינענע ביכער.

די יידישע לייענער האָבן דווקא הנאה געהאַט פון זיינע לידער.

זיי זענען שפּילעוודיק, אַנדערשדיק, טשיקאַווע און ביזאַר.

מיר דוכט זיך, אַז איך בין געווען דער איינציקער וואָס האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט אָדער, ריכטיקער — דער וואָס האָט געזאָגט וועגן אים דאָס וואָס מען קאָן און מען דאַרף זאָגן.

און דאָ האָט צוגעשפּילט דער ריינער צופאַל און ניט מיינע גאָר באַזונדערע פעיִקייטן, אָדער דאָס וויסן מיינס.

די מעשה איז געווען אַזאַ:





איך בין אַ קורצע צייט געווען אַ שכן לוצקיס, אין אַ שטעטעלע ביי ניו־יאָרק, אַן אָפּגעצאַמט שטעטעלע ביים ים, וואָס איז אַמאָל געווען אַ ליבענעסט פון ניו־יאָרקער מיליאָנערן.

האָט פּאַסירט אַן אַלטע געשיכטע אין לעבן פון ניו־יאָרק:

אין דעם דאָזיקן עלעגאַנטן ליבענעסט, וווּ ס׳האָבן געלעבט צעבאַלעוועטע מעט־רעסעס און געסט־מיליאָנערן, האָבן זיך אַריינגעריסן עטלעכע יידישע משפּחות.

און די עטלעכע משפּחות האָבן צוגעצויגן נאָך משפּחות.

זענען באַלד אַוועקגעפלויגן די עלעגאַנטע פויגעלעך פון די ליבענעסטן און ממילא זענען די מיליאָנערן זייערע זיי נאָכגעפלויגן.

איז דער נעכטיקער ליבענעסט געוואָרן אַ יידיש שטעטעלע מיט האָטעלעכלעך און מיטן יידישן געשמאַקן טומל.

זענען יידישע שרייבער געוואָרן שטענדיקע געסט זומערצייט אין דעם דאָזיקן שטעטעלע.

קומט צו מיר איין מאָל א. לוצקי און פאַרבעט מיך אויף אַן אָוונט, אין וועלכן ער אַליין איז די איינציקע אַטראַקציע.

— וואָס וועט איר טאָן עפּעס אַזוינס אויף אייער אָוונט? — פרעג איך מיט גרויסער נייגעריקייט.

— איר וועט שוין זען און הערן, ענטפערט ער מיט זיין טרויעריקער זאַרגלאָזיקייט. הכּלל, איך האָב אָנגענומען זיין איינלאַדונג.

און איך האָב דערזען פאַר זיך דעם טשיקאַווסטן יידישן דיכטער, אַ דיכטער, וואָס שפּילט אויס זיינע אייגענע לידער מיט אַ טשיקאַווער טיפקייט, פלינקייט און אייגנאַרטיקייט.

טיפקייט און פלינקייט — די דאָזיקע צוויי סתירהדיקע עלעמענטן האָב איך דערזען פאַר זיך קלאָר און בולט.

---

א. לוצקי ע״ה איז געווען אַ דיכטער, וואָס האָט געשריבן לידער פאַרן אַקטיאָר א. לוצקי.

איר האָט געזען באַשיימפּערלעך ווי צוויי פאַרשיידענע קונסטצווייגן פאַרברידערן זיך און זענען צוזאַמענגעוואַקסן ממש ווי אַ סיאַמישער צווילינג.

און עס איז זיי ביידן גוט אין איין גוף און אין איין נשמה...

אַזוי גוט, אַז ביידע טוען כּסדר און העלפן אַרויס איינער דעם צווייטן.

און דאָס ווערט געטאָן אָן רחמנות, אָן מיטלייד און אָן דעם געבאָט — ואהבת לרעך כּמוך.

איך האָב געשריבן וועגן דעם דאָזיקן ביז גאָר טשיקאַוון זיווג.

קריטיק האָט ניט קיין שום אַנדערע כּוונות ווי בלויז צו אָפּשאַצן, צו אויפדעקן און צו טייטלען מיטן פינגער אויף דאָס נייע, אויף דאָס אייגנאַרטיקע און אויף דאָס אָריגינעלע אין אַ ניי ווערק.

דאָס מאָל האָב איך געשריבן מיט אַ זייטיקע כּוונה, דהיינו:

מאַכן אויפמערקזאַם דעם יידישן טעאַטער אויף אַ נייער דערשיינונג, צו וועלכער ער דאַרף זיך צוקוקן און אויסנוצן זי.

דער עיקרשט — פאַר אַ קליין־קונסט טעאַטער.

דער יידישער טעאַטער אין ניו־יאָרק טוט אָבער און ,שפּילט דעם אַלטן־אַלטן רעפּערטואַר.
ניט ער וויל אַ נייעם רעפּערטואַר און ניט ער זוכט אַ בעסערן רעפּערטואַר.
האָט א. לוצקי געמאַכט פאַר זיך אַוונטן.
האָט ער זיך דערשלאָגן, אַז דער טאָג זאָל דרוקן זיינס אַ לידל איין מאָל אַ וואָך.
און אַזוי האָט געלעבט אין דחקות, אין אָרעמקייט און אין נויט אַ מענטש מיט צוויי טאַלאַנטן.
אָבער ער האָט באַוויזן אַרויסצוגעבן זיינע לידערביכער.
און איטלעך בוך זיינס האָט ער אַליין פאַרקויפט, סיי אין ניו־יאָרק און סיי איבערן לאַנד. ער האָט געלעבט אַ שווער לעבן ביז ער איז לייכט, ממש כּהרף־עין, געשטאָרבן.
פון די אַלע ביכער זיינע, אין וועלכע איר זעט דעם טאָפּעלן טאַלאַנט פון א. לוצקי, צייכנט זיך גאָר באַזונדערס אויס זיין בוך פּאָרטרעטן.
דאָ האָט איר פאַר זיך קלאָרע און שאַרפע סצענישע פּאָרטרעטן;
דער חילוק צווישן דעם מאָלערישן פּאָרטרעט און דעם סצענישן איז אַן אָפּענער, מען קאָן אים ממש אָנטאַפּן מיט דער האַנט.
דער מאָלערישער פּאָרטרעט איז סטאַטיש,
דאָ האָט דער קינסטלער פיקסירט אַ רגע פון אַבסאָלוטער מנוחה פון דעם מאָלעריי־סוביעקט.
ניטאָ קיין שום באַוועגלעכקייט אין פּאָרטרעט.
עס איז דאָ בלויז דאָס כאַראַקטעריסטישע פון דעם געמאָלטן אָדער געצייכנטן מענטשן.
אויב עס איז דאָ אַ זכר פון באַוועגונג איז זי אַ פיקסירטע לעולם ועד.
דער סצענישער פּאָרטרעט איז כּסדר אַ באַוועגלעכער.
ער הייסט — גרים.
דער גרים ווערט אַרויפגעלייגט אויף אַ באַוועגלעכן פּנים און קערפּער.
מוז דער פּאָרטרעט זיין אַ באַוועגלעכער,
דאָס הייסט, דער גרים באַוועגט זיך צוזאַמען מיטן פּנים.
זענען די פּאָרטרעטן זיינע סצענישע פּאָרטרעטן, גרימען פאַרשיידענע, וואָס מען דאַרף ערשט שפּילן. און דווקא מיט באַוועגונגען.
אָט למשל, האָט איר אַ פּאָרטרעט פון ש. ניגער ע"ה:

ניגער לאַכט ניט ווען ער וויל.
ער וויל שוין ניט.
אויב ער מוז שוין לאַכן — בייגט ער איין דעם קאָפּ,
פאַרשטעלט דאָס מויל, און קוועלט אַריין אין זשמעניע.
קיינער ווייס ניט.
בלויז די פּלייצע האָצקעט.
— — — — — — — — —

דאָ האָט איר אַ סצענישן פּאָרטרעט פון ש. ניגער, עס איז אַ גרים, וואָס באַוועגט זיך כּסדר אַפילו ווען דער מענטש באַוועגט זיך ניט.
הינטערן גרים מוז דאָס פּנים טאָן איינס פון די ביידע: אָדער פאַרשטיינערט ווערן אויף אַ ווײַלע, אָדער זיך באַוועגן כּסדר.





און סצענישע פּאָרטרעטן זענען בטבע דאָ פאַרשיידענע — פאַראַן קאָמישע, פאַראַן שטיפערישע, פאַראַן שקצישע, און פאַראַן מאַדימשע.
אָט האָט איר, למשל, אַ שטיפערישן פּאָרטרעט פון ד"ר ש. מאַרגאָשעס:

אַן אַנגלאָמאַן
פון גאַליציאַן
פון איסט־בראָדוואַן
האַלט אַ רעדע —
• שעקספּיראַן.

ד"ר מאַרגאָשעס רייכערט אַ ציגאַר —

ניט אַזוי דער צי
ווי די פּאָזע פונעם בלאָזן.
ניט אַזוי די מי —
ווי דאָס בלאָזן מיט די פּאָזן.

---

און ער איז ניט כּסדר שפּאַסיק, שטיפעריש, קינדיש און פילאָסאָפיש. אָט איז אַ ליד, וואָס הייסט „פיר בלומען":

פיר בלומען — אין פעלד
שטייען און ריידן.
יעדע דערציילט —
פון ווינטיקע פריידן.

אַ בוים ביי דער זייט —
הערט ער מען טענהט.
וואָס זאָל ער טאָן —
הערט ער זיך איינעט.

אַ הויך־שלאַנקע בלום —
טוט זי שטאָלצירן:
מיך שלעפּט דער ווינט —
ער וויל מיך פאַרפירן.

אַ בלוט־רויטע בלום —
שמייכלט זי מונטער:
מיך קושט דער ווינט
פון קאָפּ ביז אַרונטער.

אַ קלאָר־ווייסע בלום —
רעדט זי גאַנץ אָפן.
— מיך וועקט דער ווינט —
ער וויל מיט מיר שלאָפן.

באַרימט זיך די רויז —
מערער ווי אַלע:
— מיך — זאָגט דער ווינט —
אַז איך בין זיין כלה.

דער בוים הערט די רייד —
שטוינט ער מיט בלעטער:
גיי גלויב אַ ווינט —
אַז אַלעמען גלעט ער...

עס איז אַ מעשהלע פאַר דער סצענע, זי בעט זיך ממש געשפּילט צו ווערן.
און דאָס האָט געקאָנט טאָן צום בעסטן דער מחבר, דער דיכטער און אַקטיאָר א. לוצקי.

ער קען אָבער שפּילן ערנסט זיינע גרעסערע און ערנסטערע לידער.
דאָ איז ער געווען בפירוש אַ גאָט־געבענטשטער אַקטיאָר.
דאָס ליד זיינס לעבט אויף, באַקומט קאָליר, טעם און טויזנט חנען.
אין בוך זעט איר בלויז אַ טייל פון דער שיינקייט פון זיין ליד —
אָט ריכטיק ווי מען פילט ניט דעם גאַנצן טעם פון אַ דראַמע ווען מען לייענט זי פון בוך —
אַ דראַמע, אָדער אַן אַנדער טעאַטער־שטיק, דאַרף מען דערעיקרשט — זען, און זען אויף דער סצענע, ניט זען אין בוך.
די דראַמע פאַרלירט אַ גאָר גרויסן טייל פון איר שיינקייט, רירעוודיקייט און פון איר אַקציע אין בוך.
דאָס בוך לוצקיס איז אַ באַשעפעניש, וואָס דאַרף איר צווייטע העלפט — די סצענע — ביז גאָר נויטיק.
און דאָס האָבן אַ היפש ביסל קריטיקער פאַרזען:
איינער האָט געפונען אין א. לוצקיס לידער פילאָסאָפיע, און האָט געלאָזט וויסן, אַז ער גייט שרייבן אַ בוך וועגן א. לוצקיס פילאָסאָפיע.
אין דער אמתן איז דאָ אין לוצקיס ליד, ווי אין אַלטן יידישן פאָלקסליד, „מאָראַל".
אַ ליד האָט געמוזט האָבן אַ „מאָראַל", דאָס הייסט אַ מוסר־השכל.
און מוסר־השכל איז ניט קיין פילאָסאָפיע, ריכטיקער, ניט קיין בוך־פילאָסאָפיע, נאָר אַ פילאָסאָפיע פון לעבן, פון טאָג־טעגלעכן לעבן.
די דאָזיקע פילאָסאָפיע האָט געפונען איר באַשערטן אין דעם פאַבל —
דאָס האָט, הפנים, א. לוצקי דערשפּירט —
ער איז בלויז געגאַנגען אַ ביסעלע ווייטער — ער האָט גענומען דעם אַקטיאָר פאַר אַ לייבלעכן שותף.
זיין „מאָראַל" איז גוטער מאַטעריאַל פאַרן אַקטיאָר;
און דער בעסטער אַקטיאָר פון א. לוצקיס ליד איז געווען א. לוצקי אַליין —
ווער עס האָט ניט געזען א. לוצקי שפּילנדיק זיין די קאַפּעליע, די חתונה, געלט, ביים רבינס טיש, טעפּ א"א, האָט ניט געזען ווי אַ ליד לוצקיס לעבט אויף אין אַלע קאָלירן דורך זיין שפּיל.





און אין דעם פּרט איז ער געווען אַ יחיד במינו.
פאַראַן ביי אונדז, און זענען געווען, דיכטער, וואָס לייענען גוט זייערע לידער, אָבער די לידער גייען ניט אַרויס פון בוך, זיי בלייבן בוכלידער —
לידער צום לייענען, אָדער פאָרלייענען, אָבער ניט לידער צום שפּילן.
אין לוצקיס לידער זענען די מענטשן סצעניש,
איטלעכס ליד האָט אַ „מאָראַל" —
די מאָראַל איז שפּאַסיק, לייכט, משלדיק און פלאַטערנדיק־סצעניש.

---

און אָט דער דאָזיקער יחיד במינו איז געוואָרן אַ מחבר —
אַ מחבר לויטן אַלטן יידישן שטייגער;
ער פלעגט זיך אַרויסלאָזן איבער דער מדינה, ווי דער אַמאָליקער מחבר מיט אַ ספר.
קיין געלט פלעגט ער ניט ברענגען, אָדער פלעגט ברענגען גאָר ווייניק. ער האָט, הפנים, ניט געקענט אָט די אַלטע יידישע מחברשע מלאכה —
פלעגט ער ברענגען צוריק קיין ניו־יאָרק אַנשטאָט געלט, פעק מיט מעשהלעך וועגן יידישע עם־הארצים, צו וועלכע מען קומט מיט אַ יידיש בוך.
מיינסטנס פלעגט דער בעל־דבר, וואָס האָט באַדאַרפט קויפן אַ בוך, ניט וויסן מיט וואָס פאַר אַ סחורה איז דער לץ געקומען צו אים.
איינער פלעגט אַ וועג טאָן דאָס בוך אויף דער דלאָניע און פלעגט זאָגן מיט ביטול:
עס האָט דאָך גאָר קיין וואָג ניט —
וואָס איז דאָס פאַר אַ סחורה?..
אַ צווייטער פלעגט פּרובירן אַ לייען טאָן, אָבער פלעגט זיך באַגיסן מיט אַ שווייס און זאָגן בייזלעך:
עס איז ניט פאַר מיר קיין סחורה, מיר „יוזן עס ניט", (מיר בוצן עס ניט).
און דער פאַרשעמטער מחבר פלעגט דערציילן די דאָזיקע ווילדע מעשהלעך, וועגן יידישער עם־הארצות אין אַמעריקע מיט גוטמוטיקן הומאָר —
אָט ריכטיק ווי ער איז אין זיינע לידער.
ניטאָ קיין שמץ פון בייזקייט אין זיינע לידער, פאַרקערט — עס איז דאָ גאָר אָפט אין זיי גוטער, לייכטער און פריינדלעכער שפּאַס:
די שוואַכקייטן פון דעם מין מענטש איז אַ נאַטירלעכע,
אָט אַזאַ איז דער מענטש אַרויס פון פורעם,
מען קאָן אים ניט איבערמאַכן —
ער וואָלט קיין מענטש ניט געווען אַן איבערגעאַנדערשטער.
דער מענטש איז אַ קניילכל פון סתירות,
און זעלטן וויס זיין לינקע האַנט וואָס אַזוינס עס טוט זיין רעכטע האַנט.
מיינסטנס מאַכט דער מענטש זיך ניט וויסנדיק.
איז נעמט דעם מענטשן ווי ער איז מיט אַלע זיינע חסרונות, מיט אַלע זיינע סתירות און מיט אַלע שוואַכקייטן, וועלכע ער וויל דווקא אַרויסגעבן פאַר גאָר גרויסע גבורות...
עס איז אַ צער, אַ רחמנות אויף דעם מענטשן, וואָס גייט אַרום איבער גאָטס וועלט מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ —
אים געפעלט ניט גאָטס וועלט, ביין!

גיב אים די וועלט און ער וועט זי איבערבויען ווי עס געהער צו זיין...

און וואָס פאַר אַ תּכליתים. עס האָבן געמאַכט די גרויסע איבערבויער פון דער וועלט זעען מיר אין אונדזערע צייטן.

וועגן דער גרויסהאַלטעריי פון מענטשן, וועגן זייער יחוסן־זיך און האַלטן זיך גרעסער פאַר אַנדערע האָט א. לוצקי אַ ליד, וואָס הייסט „טעפּ".

טעפּ מיט פאַרשיידענע גרינסן שטייען אויפן אויוון און קאָכן זיך —

יחוסט זיך דער בעבל קעגן דעם קלענערן אַרבעס, וואָס קאָכט זיך אין אַן אַנדער טאָפּ...

ביידע, סיי דער בעבל און סיי דער אַרבעס, קאָכן זיך אָפּ באַלד — און דאָס איז זייער סוף;

אָבער יעדער וויל אַריינכאַפּן אַ שטיקל גאווה ביים סאַמע שוועל פון טויט, ביים סאַמע אַריינגאַנג פון ניט־ווערן...

ער איז בפירוש ניט קיין פאַבל־שרייבער —

ניין! דאָס איז אַן אַנדער מין, אַן אַנדער שרייבערישער זשאַנער.

ער איז אַ דיכטער, ראשית־כל —

און צו דעם אַן אַקטיאָר —

שאַפן זיי צוזאַמען.

דער דיכטער איז ערנסט,

דער אַקטיאָר אַ שפּאַס־פויגל, וואָס פאַרשטעלט זיך, פאַרקליידט זיך יעדן אָוונט אין אַן אַנדער פּנים און מלבוש.

אָבער ביי לוצקין זענען זיי צוויי ברידער ממש, אַ צווילינג אַ קינסטלערישער.

ביי אים איז דאָ אַ ליד זיינס, אין וועלכן ער ענטפערט אויף די טענות פון אַ יידלס פרוי, וואָס מאָנט פּרנסה, פון פידלען אויפן פידל וועט קיין פּרנסה ניט זיין.

איז ער מסכים, אַז קיין פּרנסה וועט ניט זיין.

אַזאַ יידל איז ער —

אגב, יידל גראַמט זיך גוט מיט פידל —

אַלע אַנדערע טועכצן גראַמען זיך ניט מיט יידל...

עס איז גורל.

און אַ גאָר גוטער גורל:

ער איז פאַרבונדן מיט ליבע, מיט האַרץ און נשמה...

און ער איז געשטאָרבן דער יידל, וואָס איז פאַרליבט אין דעם פידל, געשטאָרבן פאַר דער צייט.

דאָ האָט איר די יידישע פאָלקסטימלעכקייט מיט איר „מאָראַל".

יאָ, א. לוצקי איז געווען פאָלקסטימלעך,

אָבער עס איז ביז גאָר ראַפינירטע פאָלקסטימלעכקייט —

און אַ „מאָראַל" האָט געהאַט זיין פאָלקסטימלעכקייט.

אַן אַקטיאָר איז ער געווען, איז זיין מאָראַל אַ סצענישע —

שאַרף, קלאָר און לעבעדיק, ווי אַלץ וואָס די סצענע פאָדערט.

דאָ און דאָרט פּרובירט ער געבן אויך דאָס ריינע ליטעראַרישע געשטאַלט פון שרייבער —

אָבער דאָס גיט זיך אים זעלטן איין;





אָדער ער פאַלט אַריין אין סענטימענטאַלער לויב־זינגעריי, אָדער ער חזרט איבער די לשון־הרע פון דער קיבעצאַרניע, פון דער שרייבערישער קאַפע, ווו מען אַנטקרוינט געטער מיט אַ ביטול־וואָרט, מיט אַ שניידיקער גרימאַסע.

איינגעגעבן האָט זיך אים כסדר אַרויסצוברענגען די אויסערלעכקייט פון אַ שרייבער, פון אַ יוניאָן־טוער און סתם אַ טוער;

ער האָט זיי אַרויסגעלאָזן גוט גרימירט, פּרעציז באַוועגלעך און געטריי, אָפּט צו געטריי צום אָריגינאַל.

ער איז ניט געווען קיין פאַבל־דיכטער,

אָבער אָפּט האָט ער חיות געגעבן דער אַפּאַטישער מענטשלעכער סצענישער מאָראַל.

---

ער האָט באַדאַרפט זיין דער גליקלעכסטער דיכטער ביי אונדז.

ער האָט צוגעטראָפן דעם עולם —

דעם עולם מער ווי דער קריטיק.

די קריטיק האָט זיך אירע ליבלינגס און דער עולם זיינע.

מייגסטנס איז דער עולם ניט גערעכט —

ער איז צום גרעסטן טייל אומגערעכט.

צוליב דעם איז דאָ אַ סך ליטעראַרישער מיסט אויף דעם ביכערמאַרק.

אָבער אַמאָל איז ער גערעכטער, אַ סך גערעכטער פון דער קריטיק —

דער חוש פון כּלל, פון עולם, דערשפּירט אָפּט אין אַ קינסטלער דאָס אמתע, דאָס אייגנאַרטיקע, דאָס וואָס די קריטיק פאַרפעלט אָפּט צו טאָן.

אַזוי צי אַזוי — מיר האָבן פאַרלאָרן אין דעם דיכטער א. לוצקי עפּעס חידושדיקס, עפּעס אָריגינעלס און עפּעס מחיהדיק מענטשלעכס.

ער האָט געלעבט אַ שווער און ביטער לעבן.

אָבער זיין ביטערקייט און שווערקייט האָט ער געטראָגן לייכט, שפּאַסיק און ביז גאָר גוטמוטיק.